**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/29/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארגעשריטענע נייע ענערגיע לאבאטאריע ביי NY CREATES' אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס

***ניו יארק פאווער אויטאריטעט דיגיטאלע פאווער גריד "צווילינג" ערמעגליכט איבערצוקוקן נייע טעכנאלאגיעס, גריד פארבעסערונגען און אפעקטן פון איינגלידערונג פון באנייבארע ריסאורסן***

***ווירטואלע איבערקוק פלאטפארמעס צו העלפן פארשנעלערן דאס אננעמונג פון נייע ריינע ענערגיע פראדוקטן און סערוויסעס, פאראויס רוקן די פעלד פון ענערגיע***

***NYSERDA וועט צושטעלן $9 מיליאן צו שטיצן פארגעשריטענע טעכנאלאגיע פארשונג***

***קוקט א [ווידיאו](#) פון AGILe לאבאטאריע***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט דאס אפיציעלע עפענונג פון א ערשט-מאליגע, וועלט-קלאסיגע עלעקטרישע גריד און פאווער סיסטעמען לאבאטאריע באזירט אויף NY CREATES' אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס (Albany NanoTech Complex), די לאנד'ס מערסטע פארגעשריטענע נאן-פראפיט סעמי-קאנדוקטאר פארשונג און דעוועלאפמענט איינריכטונג. די [פארגעשריטענע גריד אינאוואציע לאבאטאריע פאר ענערגיע (Advanced Grid Innovation Laboratory for Energy, AGILe)](#), וואס געפינט זיך אינעם זערא ענערגיע נאנאטעכנאלאגיע (Zero Energy Nanotechnology, ZEN) געביידע, ערמעגליכט צו איבערקוקן, אויבשפילן און אויספירן נייע עלעקטרישע טעכנאלאגיעס, עלעקטרישע גריד פארבעסערונגען, טראנסמישען-פארבינדענע פראדוקטן און סערוויסעס, און נייע לעזונגען פאר ענערגיע סיסטעמען. די AGILe לאבאטאריע געבט פאר קונדן די מעגליכקייט צו איבערקוקן נייע טעכנאלאגיעס אויף א ווירקליכע פארנעם אויף א דיגיטאלע מאדעל אויף די ניו יארק סטעיט פאווער גריד און איר צוגעקומענע סיסטעמען.

"די AGILe לאבאטאריע, וואס געפונט זיך באקוועמעהייט צענטראל אין ניו יארק'ס קאפיטאל, וועט דינען אלס א גלאבאלע עלעקטרישע גריד פארשונג צענטער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די ריינע ענערגיע איבערגאנג וועט אינפארמירט ווערן דורך אינפארמאציע, און די נייע אויסגעברייטערטע AGILe פאבריק וועט העלפן ניו יארק סטעיט און ענערגיע אויספארשער פון ארום די וועלט צו אנטוויקלען פארגעשריטענע ענערגיע לעזונגען וועלכע וועלן אונז רוקן צו א שטערקערע צוקונפט."

אנטוויקלט דורך די ניו יארק פאווער אויטאריטעט, די לאנד'ס גרעסטע סטעיט עלעקטרישע יוטיליטי, שטעלט די נייע אויסגעברייטערטע AGILe לאבאטאריע צו ווירקליכע עלעקטרישע גריד סימולאציע צו אפשאצן צוקונפטיגע ביישפילן און צו איבערקוקן די אפעקטן פון נייע און פארבעסערטע טעכנאלאגיעס אויף די גרעסערע עלעקטרישע סיסטעם און לייגן די סטעיט'ס עלעקטרישע גריד אין געפאר. די לאבאטאריע'ס מעגליכקייט צו ארויסגעבן מערערע עלעקטרישע גריד אומשטענדן און צו באהעפטן

אפאראטן פיזיש און ווירטואל צו די AGILe טעסט אומגעגנט וועט העלפן פארשנעלערן די פארלעסליכע איינגלידערונג פון נייע טעכנאלאגיעס און פראדוקטן.

**NYPA טראסטי לאורי ווילאק האט געזאגט,** "AGILe'o ארבעט זוכט צו נוצן די מערסטע פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס צו איבערקוקן ענערגיע לעזונגען אין ווירקליכע צייטן און איינשטעלן די פארלעסליכקייט פון ניו יארק'ס גריד. דאס אנטוויקלונג פון די לאבאטאריע צייגט די פאוער אויטאריטעט'ס ווייטערדיגע מיטארבעט מיט ריינע ענערגיע מיטארבעטער צו פאראויס רוקן ניו יארק'ס קלימאט אקט צילן, און איר צייטליכע עפענונג וועט העלפן אינפארמירן NYPA אויף די מערסטע ביליגע און שפארזאמע וועגן צו איינגלידערן נייע באנייבארע ענערגיעס אין אונזער פאוער נעטווארק ארום די גאנצע סטעיט."

**NYPA פרעזידענט און CEO דשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "די פארגעשריטענע גריד אינאוואציע לאבאטאריע פאר ענערגיע איז קריטיש פאר אונזער ערפאלג מיט פאראויס רוקן די סטעיט'ס איבערגאנג צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע. דורך היינטיגע פארשונג מיטארבעט וואס נוצט די אינפארמאציע און אנאליז מעגליכקייט פון AGILe, וועלן מיר ענטפערן וויכטיגע פראגעס איבער די גריד פון דעם צוקונפט אזוי אז אונזער ענעריגע ריסאורסן און בייהילפיגע טראנסמישען סיסטעם זענען גאר מאדערן און קענען אונטערהאלטן אונזער פעסטע ענערגיע צילן. AGILe איז א גלאבאלע ריסאורס וואס קען גענוצט ווערן דורך יעדע פארקויפער, יוטיליטי, אדער פארשונג איינהייט וואס זוכט צו ענטפערן דרינגנדע ענערגיע אינאוואציע פראגעס."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. האריס האט געזאגט,** "דורך די פאראייניגטע באמיאונג מיט AGILe און אונזער שוועסטער אויטאריטעט NYPA, שטיצן מיר צוזאמען אינאוואציע צו שנעלער מאכן די פראצעדור פון אנטוויקלען און ארויסגעבן פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס וועלכע רוקן פאראויס גריד מאדערנעזירונג. די וויסנשאפט פארדינט דורך צוזאמשטעלן די קענשאפט און ריסאורסן פון אלע מיטארבעטערס און פאראויס רוקן פארגעשריטענע אינפארמאציע און ביישפיל מעגליכקייטן העלפט ארויס ניו יארק'ס איבערגאנג צו ריינע ענערגיע וואס ווערט גוט אויסגעטיילט פאר איינוואוינער ארום די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס CEO ראָרי מ. קריסטיען האט געזאגט,** "אינציאטיוון אזויווי AGILe פראיעקט וועט העלפן אויפטרייבן די ווייטערדיגע אנטוויקלונג פון נייע, ריינע ענערגיע טעכנאלאגיעס וואס שטיצן אונזערע באמיאונגען צו דאס מערסטע אויסנוצן די בענעפיטן פון עקזיסטירנדע גריד אינוועסטירונגען אין ניו יארק סטעיט. א דאנק פאר די אלע צדדים אריינגעמישט אין די גאר וויכטיגע פראצעדור."

**ניו יארק זעלבסטשטענדיגע סיסטעם אפערירער פרעזידענט און CEO ריטשערד דעווי האט געזאגט,** "איך אפלאדיר NYPA פאר ווידעראמאל ארויסווייזן די פירערשאפט און קלוגשאפט וואס מען דארף צו פאראויס רוקן די גריד פונעם צוקונפט. AGILe וועט העלפן באקעמפן די שוועריקייטן פון באלאנסירן סיסטעם פארלעסליכקייט מיט ריינע ענערגיע דעוועלאפמענט און פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס. די NYISO איז גאר צופרידן צו ארבעטן מיט NYPA אין דעם הינזיכט און האבן א גריד "דיגיטאלע צווילינג" אין אונזער הויף וועט בלויז מאכן אונזער מיטארבעט אזויפיל נענטער."

AGILe וועט אויך ערמעגליכן די אפזאצונג פון די אפעקט פון העכערע איינגלידערונג פון טיילצייטיגע באנייבארע ריסאורסן אין ניו יארק סטעיט'ס עלעקטרישע גריד. ריינע ענערגיע טעכנאלאגיעס, אזויווי באטערי סטארעדזש סיסטעמען, עלעקטרישע קארס, און פארבינדענע אינפראסטרוקטור, קענען זיין באהאפטן מיט AGILe צו איבערקוקן שפארזאמקייט און אפשאצונג אויספירונג. לערנונגען קענען דערנאך ווערן ארויפגעלייגט אזוי אז פראדוקט פארבעסערונגען קענען געמאכט ווערן איידער פראדוקטן און סערוויסעס ווערן ארויסגעגעבן צום עלעקטרישע גריד אדער ענערגיע סיסטעם.

ניו יארק איז אויפ'ן וועג צו ערגרייכן א פעלד פון עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט ביז 2040, אריינרעכענענדיג 70 פראצענט באנייבארע ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן ביז 2030. די AGILe לאבאטאריע וועט ערמעגליכן קונדן צו איבערקוקן סטראטעגיעס, פראדוקטן און סערוויסעס וואס וועט העלפן פאראויס רוקן די סטעיט'ס קלימאט און ריינע ענערגיע צילן.

די AGILe לאבאטאריע וועט ארבעטן צוזאמען מיט פארשידענע ענערגיע-פאקוסירטע ארגאניזאציעס, אריינרעכענענדיג עלעקטרישע פאוער פארשונג אינסטיטוט ( Electric Power Research Institute, EPRI), די לאנג איילענד פאוער אויטאריטעט (Long Island Power Authority, LIPA), די ניו יארק זעלבסטשטענדיגע סיסטעמען אפערירער (New York Independent Systems Operator, NYISO), ניו יארק אינוועסטאר-געאייגנטע יוטיליטיס, און די ניו יארק סטעיט ענעריגע פארשונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) צו שטיצן פארשונג, אפשאצונג און איבערקוק פון נייע טעכנאלאגיעס.

**נייע פראיעקטן אין פלאן: $9 מיליאן פאר פארגעשריטענע טעכנאלאגיע פארשונג**
NYSERDA ארבעט צוזאמען מיט NYPA צו שטיצן אינציאטיוון אויף פאוער גריד פארלעסליכקייט, גריד מאדערנעזירונג און ארבעט בייגזאמקייט, סייבער זיכערהייט און גריד שטארקייט איבער די קומענדיגע דריי יאר. אונטער א פריש-אונטערגעשריבענע מעמאראנדאם פון פארשטאנד, וועט NYSERDA גרייט מאכן $8 מיליאן דורך א צוקונפטיגע פארמעסטנדע געלט זאמלונג פאר פראיעקטן וועלכע נוצן דאס בעסטע AGILe'ס אינפארמאציע, רעכענענדיג ריסאורסן און שטאב איינגעשטעלטע. נאך $1 מיליאן וועט גענוצט ווערן פאר פארשונג און אנאליז אנגעפירט דורך NYSERDA אינאיינעם מיט הויפט סטעיקהאלטער.

**אוועילעבל פאר פארקויפער, ענערגיע פירמעס ארום די וועלט**
די אויסגעברייטערטע AGILe קען גענוצט ווערן דורך פארקויפער און ענערגיע פירמעס צו שנעלער מאכן די פראצעדור צו קענען ארויסגעבן נייע טעכנאלאגיעס און פאראויס רוקן זייער ריינע ענערגיע פארשונג און איבערקוק נוצנדיג קאסט-שפארזאמע, זיכערע און פראקטישע מיטלען. AGILe ריסאורסן קענען דינען די באדערפענישן פון ניו יארק סטעיט אגענטורן, עלעקטרישע יוטיליטיס, טעכנאליגע פירמעס, אוניווערסיטעטן, און זעלבסשטענדיגע סיסטעם פירמעס פון ארום די וועלט צו שנעלער מאכן די פארבינדונגען פון באנייבארע ענערגיע, אויספירן פארשונג און דעוואלאפמענט פון סייבער זיכערהייט, און אנדערע פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס פאר גריד אנאליז און ארבעט, אריינגערעכנט צו נוצן פאלשע אינטעליגענץ און שטודיעס און האלסעיל עלעקטריציטעט מארקן.

די איינריכטונג'ס הויפט מעגליכקייט איז א קלארע דיגיטאלע מאדעל וואס מאכט נאך די אויפפירונג פון ניו יארק'ס עלעקטרישע גריד, געבנדיג ווירקליכע קענטעניסן און פאראויס-שלאגנדע אנאליטיקס אויף א נידריגע-געפאר און קאסט-שפארזאמע וועג. סיסטעם באנוצער האבן אויך צוטריט צו אן אויסוואל פון טעכנאלאגיע לעזונגען און קענען נוצן א סעריע פון ביישפילן אין פארשידענע וועגן צו שטודירן פארשידענע אפעקטן אויף סיסטעם אויספירונג.

**NY CREATES פרעזידענט דעיוו אנדערסאן האט געזאגט,** "NY CREATES טרייבט ארויף פארגעשריטענע פארשונג און דעוועלאפמענט וואס וועט ערמעגליכן קומענדיג-דור טשיפ טעכנאלאגיע מיט א פאקוס אויף אנהאלטונג פונעם אינדוסטרי. מיר זענען שטאלץ אז אונזער פארגעשריטענע אלבאני נאנאטועק קאמפלעקס וועט אויך זיין די פלאץ צו אויפווייזן NYPA'ס AGILe אינציאטיוו, וואס וועט זיין די פלאץ צו איבערקוקן א ריינע און שטארקע ענערגיע גריד אין ניו יארק."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול, גייט ניו יארק ווייטער צו אינוועסטירן אין נייע טעכנאלאגיעס וואס שטיצן די סטעיט'ס קלימאט צילן און פארשפרייטן די באנייבארע און ריינע ענערגיע עקאנאמיע. די נייע לאבאטאריע ביי NY CREATES, ערמעגליכט דורך אונזערע מיטארבעטער ביי NYPA און NYSERDA, וועט ווייטער שטיצן אונזער געמיינזאמע פארשונג און אנטוויקלונג באמיאונגען צו פארשפרייטן שטארקע וואוקס אין די פעלד פון ריינע ענערגיע."

**אסעמבלימיטגליד דידי בארעט האט געזאגט,** "אונזער איבערגאנג צו באנייבארע ענערגיע וועט פאדערן באדייטנדע גריד אפגרעידס צו פארזיכערן ווייטערדיגע פארלעסליכקייט און זיכערהייט. די וועלט-קלאסיגע לאבאטאריע וועט אונז ערלויבן צו אויספירן סימולאציעס און ביישפילן, אויספרובירן פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס, פארשנעלערן נייע לעזונגען צייט-צו-מארק, נידערן געפאר ביים איבערקוקן אונטער פארשידענע מאדעלס, און הייבן סייבער זיכערהייט."

**אסעמבלימיטגליד פאטרישע פאהי האט געזאגט,** "עקסטרעמע וועטער פאסירונגען פאסירן מער און מער אפט און די ביליאן-דאלערדיגע קאסט צו אונזער לאקאלע קאמיוניטי האלט אין איין וואקסן מיט א קלימאט קריזיס וואס וואקסט אויף א שנעלע פארנעם. די עפענונג היינט פון די פארגעשריטענע גריד אינאוואציע לאבאטאריע פאר ענערגיע (AGILe) וועט צושטעלן לאנד-פירנדע קענטעניסן און אינפארמאציע אויף ניו יארק'ס עלעקטרישע גריד'ס מעגליכקייט און פאראויס פארשטעלן איר מעגליכקייט צו זיך האלטן פעסט און ארבעטן אפילו אין עקסטרעמע וועטער אומשטענדן. אינוועסטירן אין די סארט אינאוואציע ביי די אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס מאכט פעסט די קאפיטאל ראיאן'ס פלאץ אלס א פירער אין פאלשע אינטעליגענץ און נאנאטעכנאלאגיע פארשונג, און פארזיכערט אונזער ווייטערדיגע מעגליכקייט צו רעאגירן צו נאטורליכע ריסאורסן אין א צייט ווען מען דארף עס דאס מערסטע."

**אסעמבלימיטגליד דזשאן ט. מקדאנעלד III, RPh האט געזאגט,** "היינט צייכנט א הויכפונקט מאמענט אין ניו יארק'ס רייזע פאר א שטארקע ענערגיע צוקונפט. די פארגעשריטענע לאבאטאריע, וואס ארבעט דורך די ניו יארק פאווער אויטאריטעט, שטייט אלס א באוויז צו ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו גענצליך איבערמאכן די וועג וואס מיר נוצן און געבן ארויס ענערגיע. ביי די פארגעשריטענע גריד אינאוואציע לאבאטאריע פאר ענערגיע וועלן זיי איבערקוקן, אויספרובירן, און ערמעגליכן נייע עלעקטריפיקאציע טעכנאלאגיעס, גריד פארבעסערונגען, און די איינפירונג פון באנייבארע ריסאורסן. AGILe וועט אונז העלפן פירן אויף די וועג אין ריכטונג פון א גרינערע, שטערקערע צוקונפט. א דאנק פאר גאווערנער האקול, NYPA און אלע אנדערע מיטארבעטער וועלכע האבן געארבעט צו פארווירקליכן דעם פראיעקט."

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו דאניעל פ. מעקוי האט געזאגט,** "א פארלעסליכע און לעבהאפטיגע עלעקטרישע גריד איז א וויכטיגע טייל פון אונזער איבערגאנג צו באנייבארע ענערגיע און א ריינע ענערגיע עקאנאמיע. איך קאמענדיר NYPA און גאווערנער האקול פאר אינוועסטירן אין AGILe, אן איינריכטונג וואס וועט העלפן פארשנעלערן דאס ארויסגעבונג פון נייע גריד טעכנאלאגיעס און פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט און אלבאני קאונטי קענען כאפן די בענעפיטן פון די אינאוואציע."

**אלבאני מעיאר קעטי שיהאן האט געזאגט,** "ווידעראמאל, ווייזט די ניו יארק פאווער אויטאריטעט אויף איר פארפליכטונג צו בויען א שטארקע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער. דורך ערלויבן נייע ענערגיע טעכנאלאגיעס צו ווערן איבערגעקוקט שנעל און פארזיכערט, וועט AGILe האבו א ריזיגע אפעקט אויף מוניציפאליטעטן, אזויווי אלבאני, אינעם צייט וואס מיר ארבעטן צו נאכקומען אונזער אייגענע שטארקייט צילן. איך וויל באדאנקען NYPA פאר'ן ווייטער גיין מיט די וויכטיגע ארבעט פון פארזיכערן א זיכערע און פארלעסליכע עלעקטרישע גריד אינעם צייט וואס די פעלד פון ענערגיע גייט אדורך גרויסע טוישונגען."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך טייל פון די לאנד'ס מערסט-אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, שטופט ניו יארק פאראויס א רייע פון באמיאונגען – אריינרעכענענדיג דער ניו יארק עמיסיע באגרעניצונג אינוועסטירונג (New York Cap-and-Invest, NYCI) פראגראם און אנדערע באגלייטנדע פאליסיס – צו דערגרייכן א 40 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2030, און א 85 פראצענט רעדוקציע ביז 2050, אראפ פון די שטאפלען וואו עס איז געווען אין 1990. ניו יארק איז אויך אויף די רעלסן צו עררייכן איר ציהל צו האבן אן עמיסיע-פרייע עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ענערגיע ווערנדיג אויפגעטריבן פון ריינע מקורות ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א צענטראלע פונקט פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג מער פון $28 ביליאן אין 61 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, $6.8 ביליאן צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, $3.3 ביליאן צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט $3 ביליאן פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און 130 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע ענערגיע קאמיוניטיס, און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט אויפזיכט איניציאטיוו אין 10 באזייטיגטע קאמיוניטיס איבערר די סטעיט צו העלפן באקעמפן ללופט פארפעסטיגונג און קלימאט טויש.

**איבער NYPA**

NYPA איז דער גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, און וועלכער אפערירט 16 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,400 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבּל הײדראָ-פּאַווער. NYPA פינאנצירט אירע אפעראציעס דורך דאס פארקויף פון באנדס און אײנקונפט פארדינט אינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט [www.nypa.gov](http://www.nypa.gov) און גייט אונדז נאך אויף [Tumblr](#), [Instagram](#), [Facebook](#), [Twitter](#) און [LinkedIn](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)